Virtual Tenement Concert

# SONGS OF YIDDISH NEW YORK

*with YIVO*

April 24, 2023 | 6:30pm ET

*co-presented by*

Tenement Museum

*and*

YIVO Institute for Jewish Research

Eliza Bagg, *Singer*
Paul Kerekes, *Pianist*

Song texts and translations edited by Dovid Braun

# PROGRAM

דאָס גאָלדענע לאַנד
*Dos goldene land* | The Golden Land
Words and Music by Elyokem Tsunzer (1892)

קעסל-גאַרדן
*Kesl-gardn* | Castle Garden
Words by Morris Rosenfeld — Music by M. Warshawsky

אַ בריוועלע דער מאַמען
*A brivele der mamen* | A Letter to Mother
Words and Music by Solomon Small (S. Smulewitz)

וואַכט אויף!
*Vakht oyf!* | Awake!
Words by David Edelstadt

אַפּטאַון און דאַונטאַון
*Aptaun un dauntaun* | Uptown and Downtown
Words by Solomon Small (S. Smulewitz) — Music by J. Brody

אַבי געזונט
*Abi gezunt* | So Long as You're Healthy
Words by Molly Picon — Music by Abraham Ellstein

האָב איך מיר אַן אַלטן דײַם
*Hob ikh mir an altn daym* | An Old Dime
Folksong Published by Mikhl Gelbart

וואָס געווען איז געווען און ניטאָ
*Vos geven iz geven un nito* | What Was, Was and Is No Longer
Words and Music by David Meyerowitz

איך וויל ניט גיין אין חדר
*Ikh vil nit geyn in kheyder* | I Don't Want to Go to *Kheyder*
Words by Sholem Aleichem — Music by J. Cherniawsky

Coney Island Days
Words from an interview with Irene Weiser, adapted by Alex Weiser
Music by Alex Weiser

# דאָס גאָלדענע לאַנד

## *Dos goldene land* | The Golden Land

WORDS AND MUSIC BY ELYOKEM TSUNZER (1892)

**TRANSLITERATION**

Fun Amerike hob ikh als kind gehert,
Ven mentshn flegn reydn banand:
“Vi gliklekh me lebt af Kolumbuses erd —
Zi iz a goldene land.”
Ikh bin aher gekumen, dem seyfer durkhgekukt —
Trern, troyer, iz af yedn blat gedrukt.
In di enge gasn, vu di mase shteyt gedikht —
Fil oreme, fintstere, der umglik ligt afn gezikht —

Shteyen fun fri biz ba nakht,
Di lipn farbrent un farshmakht.
Der iz mafker zayn kind far a sent,
Dem varft men fun voynung far rent.
Fil grine mit shvern gemit
Faln fun hunger in strit,
Fil dales mit krankeyt banand,
Alts in der goldener land.

**ORIGINAL YIDDISH**

פֿון אַמעריקע האָב איך אַלס קינד געהערט,
ווען מענטשן פֿלעגן ריידן בײַנאַנד:
„ווי גליקלעך מע לעבט אויף קאָלומבוסעס ערד —
זי איז אַ גאָלדענע לאַנד".
איך בין אַהער געקומען, דעם ספֿר דורכגעקוקט —
טרערן, טרויער, איז אויף יעדן בלאַט געדרוקט.
אין די ענגע גאַסן, ווּ די מאַסע שטייט געדיכט —
פֿיל אָרעמע, פֿינצטערע, דער אומגליק ליגט אויפֿן געזיכט —

שטייען פֿון פֿרי ביז בײַ נאַכט,
די ליפּן פֿאַרברענט און פֿאַרשמאַכט.
דער איז מפֿקיר זײַן קינד פֿאַר אַ סענט,
דעם וואַרפֿט מען פֿון וווינונג פֿאַר רענט.
פֿיל גרינע מיט שווערן געמיט
פֿאַלן פֿון הונגער אין סטריט,
פֿיל דלות מיט קראַנקייט בײַנאַנד,
אַלץ אין דער גאָלדענער לאַנד.

**ENGLISH TRANSLATION**

*based on Yiddish Song of the Week*

About America I had heard as a child
when people would converse:
“How lucky one lives on Columbus’ ground;
It is truly a Golden Land.”
I arrived and read through this “holy book”.
Tears of sorrow are printed on each page.
In the narrow streets where the masses are crammed —
Many poor and gloomy people; misfortune is seen on their faces —

They stand from morning to night,
Their lips burnt and faint.
This one sacrifices his child for a cent,
That one gets thrown out of his flat because of rent.
Many greenhorns in misery
Collapsing from hunger in the street,
Much poverty and sickness in tandem —
All in the Golden Land.

*Song features additional verses*

# קעסל־גאַרדן

## *Kesl-gardn* | Castle Garden

WORDS BY MORRIS ROSENFELD — MUSIC BY M. WARSHAWSKY

**TRANSLITERATION**

Mit vey un shmarts
Vert iberfilt mayn harts
Ven ikh gib af Kesl-gardn a blik.
Vu mentshn milyonen
Fun farshidene natsyonen
Zitsn un troymen fun glik.
Kh'gedenk es af klor
Tsurik mit akht yor
Bin ikh dort gezesn aleyn.
Gehoft un gelakht,
Fun glik nor getrakht,
Vi gut iz mir demolt geven.
In Kesl-gardn af yener zayt tir
Gefint ir dem grub fun mayn glik.
Un nokh file kvorim
Azelkhe on shier
Gefint ir vu ir git nor a blik.

Dokh gibn mir tsu
Az frayhayt un ru
Hobn mir do mer vi iberal.
Fun libe un fridn
Far kristn un yidn
Tsaygt zikh undz yetst a shtral.
Nor nemt oykh in akht,
Nit farshlept do di nakht,
Di fintsternish der altn velt;
Di heymishe sam lozt zinken in yam
Un do zet, nit shekht zikh far gelt.
Dan vet Kesl-gardn
A lustgortn zayn
Un aykh vet men shetsn in land;
Dan vet men aykh yidn
Bahandlen do fayn.
Farshvindn vet dumhayt un shand.

**ORIGINAL YIDDISH**

מיט ווײ און שמאַרץ
ווערט איבערפֿילט מײַן האַרץ
ווען איך גיב אויף קעסל־גאַרדן אַ בליק.
ווּ מענטשן מיליאָנען
פֿון פֿאַרשידענע נאַציאָנען
זיצן און טרוימען פֿון גליק.
כ׳געדענק עס אויף קלאָר
צוריק מיט אַכט יאָר
בין איך דאָרט געזעסן אַליין.
געהאָפֿט און געלאַכט,
פֿון גליק נאָר געטראַכט,
ווי גוט איז מיר דעמאָלט געווען.
אין קעסל־גאַרדן אויף יענער זײַט טיר
געפֿינט איר דעם גרוב פֿון מײַן גליק.
און נאָך פֿילע קבֿרים
אַזעלכע אָן שיעור
געפֿינט איר ווּ איר גיט נאָר אַ בליק.

דאָך גיבן מיר צו
אַז פֿרײַהייט און רו
האָבן מיר דאָ מער ווי איבעראַל.
פֿון ליבע און פֿרידן
פֿאַר קריסטן און ייִדן
צײַגט זיך אונדז יעצט אַ שטראַל.
נאָר נעמט אויך אין אַכט,
ניט פֿאַרשלעפּט דאָ די נאַכט,
די פֿינצטערניש דער אַלטן וועלט;
די היימישע סם לאָזט זינקען אין ים
און דאָ זעט, ניט שעכט זיך פֿאַר געלט.
דאַן וועט קעסל־גאַרדן
אַ לוסטגאָרטן זײַן
און אײַך וועט מען שעצן אין לאַנד;
דאַן וועט מען אײַך ייִדן
באַהאַנדלען דאָ פֿײַן.
פֿאַרשווינדן וועט דומהייט און שאַנד.

### ENGLISH TRANSLATION

*from Songs of the American Jewish Experience, compiled and arranged by Neil Levin*

My heart aches, whenever I see Castle Garden, whenever I see people sitting there with dreams of happiness. I recall the time when I, too, sat there with such dreams and hopes. But on the other side of Castle Garden these dreams were buried. There are many such graves, wherever one looks.

But we must admit that, here in America, we have more freedom and security than anywhere else. There is now hope for better relations between Christians and Jews. We must not let the darkness and despair from the Old World last forever. Then, Jews will find happiness and acceptance here, and ignorance and shame will disappear.

# אַ בריוועלע דער מאַמען

# *A brivele der mamen* | A Letter to Mother

Words and Music by Solomon Small (S. Smulewitz)

**TRANSLITERATION**

Mayn kind, mayn treyst, du forst avek:
Ze, zay a zun a guter —
Dikh bet mit trern un mit shrek
Dayn traye libe muter.
Du forst, mayn kind, mayn eyntsik kind,
Ariber vayte yamen;
Akh kum ahin nor frish gezunt
Un nit farges dayn mamen.
Oy! For gezunt un kum mit glik,
Ze yede vokh a brivl shik,
Dayn mames harts, mayn kind, derkvik.

A brivele der mamen
Zolstu nit farzamen,
Yo, shrayb geshvind, libes kind,
Shenk ir di nekhome.
Di mame vet dayn brivele lezn
Un zi vert genezn,
Heylst ir shmarts, ir biter harts,
Derkvikst ir di neshome.

**ORIGINAL YIDDISH**

מײַן קינד, מײַן טרייסט, דו פֿאָרסט אַוועק:
זע, זײַ אַ זון אַ גוטער —
דיך בעט מיט טרערן און מיט שרעק
דײַן טרײַע ליבע מוטער.
דו פֿאָרסט, מײַן קינד, מײַן אײנציק קינד,
אַריבער ווײַטע ימען;
אַך קום אַהין נאָר פֿריש געזונט
און ניט פֿאַרגעס דײַן מאַמען.
אוי! פֿאָר געזונט און קום מיט גליק,
זע יעדע וואָך אַ בריוול שיק,
דײַן מאַמעס האַרץ, מײַן קינד, דערקוויק.

אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו ניט פֿאַרזאַמען,
יאָ, שרײַב געשווינד, ליבעס קינד,
שענק איר די נחמה.
די מאַמע וועט דײַן בריוועלע לעזן
און זי ווערט גענעזן,
הײלסט איר שמאַרץ, איר ביטער האַרץ,
דערקוויקסט איר די נשמה.

**ENGLISH TRANSLATION**

*adapted from the Milken Archive*

My child, my comfort, you are going away:
Remember to be a good son —
With anxious tears and fear
your loyal, dear mother begs you.
You are traveling, my child, my only child,
across distant seas.
Just arrive in good health
and don't forget your mother.
Oh, travel in health and arrive in good stead.
Please send a letter every week.
Delight your mother's heart, my child.

A letter to your mother
you shouldn't delay.
Write right away,
dear child.
Grant her this consolation.
Your mother will read your little letter
and she will recover.
You'll heal her pain,
her bitter heart.
You'll delight her soul.

# וואַכט אויף!

# *Vakht oyf!* | Awake!

WORDS BY DAVID EDELSTADT

**TRANSLITERATION**

Vi lang, o vi lang vet ir blaybn nokh shklafn
Un trogn di shendlekhe keyt?
Vi lang vet ir glentsnde raykhtimer shafn
Far dem vos baroybt ayer broyt?

Vi lang vet ir shteyn, ayer rukn geboygn,
Derniderikt, heymloz, farshmakht?
Es togt shoyn, vakht oyf, un tseefnt di oygn,
Derfilt ayer ayzerne makht!

Klingt umetum in di frayheytsglokn!
Farzamlt di laydnde knekht!
Un kemft bagaystert, un kemft umdershrokn
Far ayere heylike rekht!

Un ales vet lebn, un libn, un blien,
In frayen, in goldenem may!
Brider, genug far tiranen tsu knien,
Shvert az ir muzt vern fray!

**ORIGINAL YIDDISH**

ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג וועט איר בלייַבן נאָך שקלאַפֿן
און טראָגן די שענדלעכע קייט?
ווי לאַנג וועט איר גלענצנדע רייַכטימער שאַפֿן
פֿאַר דעם וואָס באַרויבט אייַער ברויט?

ווי לאַנג וועט איר שטיין, אייַער רוקן געבויגן,
דערנידעריקט, היימלאָז, פֿאַרשמאַכט?
עס טאָגט שוין, וואַכט אויף, און צעעפֿנט די אויגן,
דערפֿילט אייַער אייַזערנע מאַכט!

קלינגט אומעטום אין די פֿרייַהייטסגלאָקן!
פֿאַרזאַמלט די לייַדנדע קנעכט!
און קעמפּט באַגייַסטערט, און קעמפּט אומדערשראָקן
פֿאַר אייַערע הייליקע רעכט!

און אַלעס וועט לעבן, און ליבן, און בליִען,
אין פֿרייַען, אין גאָלדענעם מייַ!
ברידער, גענוג פֿאַר טיראַנען צו קניִען,
שווערט אַז איר מוזט ווערן פֿרייַ!

**ENGLISH TRANSLATION**

*adapted from Mir Trogn A Gezang: Favorite Yiddish Songs, Eleanor Gordon Mlotek*

How long will you remain slaves and wear degrading chains? How long will you produce riches for those who rob you of your bread? How long will you stand with backs bent — humiliated, homeless and weak? It's daybreak, awake, open your eyes, and see your own strength. Ring the freedom bells everywhere, gather together the suffering slaves, and fight with spirit and with no fear for your sacred rights! And all will live, and love, and flourish, in free, golden May! Brothers, enough kneeling to tyrants, swear that you must be free!

# אַפּטאַון און דאַונטאַון

# *Aptaun un dauntaun* | Uptown and Downtown

Words by Solomon Small (S. Smulewitz) — Music by J. Brody

**TRANSLITERATION**

Mir arbeter, mir fintstern dauntaun.
Dokh muzn mir zikh nemen tsu aptaun.
Mir hobn a groys makht in dizer land.
Mir darfn nor geyn hant in hant.
Di goldzek darf men makhn ash-un-erd.
Mir arbeter, mir hobn mer vert.
Mir arbetn mit undzer shveys un blut [blit].
Vos zey farmegn gehert keyn zakh zey nit.
Nemt gut in akht: mir hobn makht.

Di raykhe fun aptaun kenen nokh zayn dauntaun
Un arbetn in sheper firn an ekspres.
Un mir fun der Ist-sayd kenen nokh zayn olrayt
Un shikn Rakefeler gor a dispozes.

Mir darfn ale tener fun dauntaun
Nor zen aribermufn het aptaun.
Di finfte evenyu volt oykh gefit
Un, dakht zikh, Brodvey iz oykh gut [git].
Tseleygt zikh in der breyt un in der leng —
Di raykhe volt gevorn shreklekh eng.
Farnumen voltn mir dem Sentral-park,
Fun Leksington gemakht a khazer-mark.
Nemt gut in akht: mir hobn makht.

Di raykhe fun aptaun kenen nokh zayn dauntaun
Un arbetn in sheper firn an ekspres.
Un mir fun der Ist-sayd kenen nokh zayn olrayt
Un shikn Rakefeler gor a dispozes.

**ORIGINAL YIDDISH**

מיר אַרבעטער, מיר פֿינצטערן דאַונטאַון.
דאָך מוזן מיר זיך נעמען צו אַפּטאַון.
מיר האָבן אַ גרויס מאַכט אין דיזער לאַנד.
מיר דאַרפֿן נאָר גיין האַנט אין האַנט.
די גאָלדזעק דאַרף מען מאַכן אַש־און־ערד.
מיר אַרבעטער, מיר האָבן מער ווערט.
מיר אַרבעטן מיט אונדזער שווייס און בלוט.
וואָס זיי פֿאַרמעגן געהערט קיין זאַך זיי ניט.
נעמט גוט אין אַכט: מיר האָבן מאַכט.

די רײַכע פֿון אַפּטאַון קענען נאָך זײַן דאַונטאַון
און אַרבעטן אין שעפּער פֿירן אַן עקספּרעס.
און מיר פֿון דער איסט־סײַד קענען נאָך זײַן אָלרײַט
און שיקן ראַקעפֿעלער גאָר אַ דיספּאָזעס.

מיר דאַרפֿן אַלע טענער פֿון דאַונטאַון
נאָר זען אַריבערמופֿן העט אַפּטאַון.
די פֿינפֿטע עוועניו וואָלט אויך געפֿיט
און, דאַכט זיך, בראָדוויי איז אויך גוט.
צעלייגט זיך אין דער ברייט און אין דער לענג —
די רײַכע וואָלט געוואָרן שרעקלעך ענג.
פֿאַרנומען וואָלטן מיר דעם סענטראַל־פּאַרק,
פֿון לעקסינגטאָן געמאַכט אַ חזיר־מאַרק.
נעמט גוט אין אַכט: מיר האָבן מאַכט.

די רײַכע פֿון אַפּטאַון קענען נאָך זײַן דאַונטאַון
און אַרבעטן אין שעפּער פֿירן אַן עקספּרעס.
און מיר פֿון דער איסט־סײַד קענען נאָך זײַן אָלרײַט
און שיקן ראַקעפֿעלער גאָר אַ דיספּאָזעס.

**ENGLISH TRANSLATION**

We workers suffer downtown.
We really ought to make our way uptown.
We have a lot of power in this land.
We just need to go hand in hand.
The sacks of gold need to be decimated.
We workers, we are worth more.
We work with our sweat and blood.
Nothing of what they possess belongs to them.
Pay close attention: we have power.

The wealthy from uptown could yet be downtown
And work in sweatshops, pushing a garment wagon.
And we from the Lower East Side may yet be alright
And, mind you, send Rockefeller an eviction notice.

We need to make sure to move
All the renters from downtown all the way uptown.
Fifth Avenue would also fit,
As would Broadway too.
Spread out lengthwise and widthwise —
For the rich to feel awfully cramped.
We'd occupy Central Park,
Make Lexington into a pig market.
Pay close attention: we have power.

The wealthy from uptown could yet be downtown
And work in sweatshops, pushing a garment wagon.
And we from the Lower East Side may yet be alright
And, mind you, send Rockefeller an eviction notice.

# אַבי געזונט

# *Abi gezunt* | So Long as You’re Healthy

Words by Molly Picon — Music by Abraham Ellstein

**TRANSLITERATION**

A bisl zun, a bisl regn,
A ruik ort dem kop tsu leygn,
Abi gezunt ken men gliklekh zayn.

A shukh, a zok, a kleyd on lates,
In keshene a dray-fir zlotes,
Abi gezunt ken men gliklekh zayn.

Di luft iz fray far yedn glaykh,
Di zun, zi shaynt far yedn eynem,
Orem oder raykh.

A bisl freyd, a bisl lakhn,
A mol mit fraynt a shnepsl makhn,
Abi gezunt ken men gliklekh zayn.

Eyner zukht ashires,
Eyner zukht gevures [gevires] —
Aynnemen di gantse velt.
Eyner meynt dos gantse glik
Hengt nor op in gelt.

Zoln ale zukhn [zikhn],
Zoln ale krikhn,
Nor ikh trakht ba mir:
Ikh darf dos af kapores
Vayl dos glik shteyt ba mayn tir.

**ORIGINAL YIDDISH**

אַ ביסל זון, אַ ביסל רעגן,
אַ רויִק אָרט דעם קאָפּ צו לייגן,
אַבי געזונט קען מען גליקלעך זײַן.

אַ שוך, אַ זאָק ,אַ קלייד אָן לאַטעס,
אין קעשענע אַ דרײַ־פֿיר זלאָטעס,
אַבי געזונט קען מען גליקלעך זײַן.

די לופֿט איז פֿרײַ פֿאַר יעדן גלײַך.
די זון, זי שײַנט פֿאַר יעדן איינעם,
אָרעם אָדער רײַך.

אַ ביסל פֿרייד, אַ ביסל לאַכן,
אַ מאָל מיט פֿרײַנד אַ שנעפּסל מאַכן,
אַבי געזונט קען מען גליקלעך זײַן.

איינער זוכט עשירות,
איינער זוכט גבֿורות —
אײַננעמען די גאַנצע וועלט.
איינער מיינט דאָס גאַנצע גליק
הענגט נאָר אָפּ אין געלט.

זאָלן אַלע זוכן,
זאָלן אַלע קריכן,
נאָר איך טראַכט בײַ מיר:
איך דאַרף דאָס אויף כּפּרות
ווײַל דאָס גליק שטייט בײַ מײַן טיר.

**ENGLISH TRANSLATION**

*adapted from the Milken Archive*

A bit of sun, a bit of rain,
A peaceful place to lay your head …
So long as you’re healthy, you can be happy.

A shoe, a stocking, a dress without patches,
Three or four measly coins in your pocket …
So long as you’re healthy, you can be happy.

The air is free, equal for all;
The sun shines for everyone
Whether rich or poor.

A little rejoicing, a little laughter,
A drink with friends once in a while …
So long as you’re healthy, you can be happy.

Some seek riches,
Some seek exploits —
To conquer the whole wide world.
Some think that all happiness
Depends only on money.

Let them all search,
Let them all scrounge.
But I think to myself that
I have no use for such things,
Since happiness is waiting at my doorstep.

# האָב איך מיר אַן אַלטן דײַם

## *Hob ikh mir an altn daym* | An Old Dime

Folksong Published by Mikhl Gelbart

**TRANSLITERATION**

Hob ikh mir an altn daym —
lz der daym oykh nit mayn.

Lomir ale freylekh zayn,
Kumt mit mir in shenk arayn
Trinken bronfn, trinken vayn!

Nit keyn morgn, nit keyn haynt —
Nit keyn khaver, nit keyn fraynt. . .

Hob ikh mir a gantsn toler —
Vel ikh zayn der gantser tsoler.

Hob ikh nit keyn vayb un kind —
Bin ikh fray vi der vint. . .

Lomir nit zayn vi di alte babes —
Lomir makhn fun mitvokh shabes!

**ORIGINAL YIDDISH**

האָב איך מיר אַן אַלטן דײַם —
איז דער דײַם אויך ניט מײַן.

לאָמיר אַלע פֿריילעך זײַן,
קומט מיט מיר אין שענק אַרײַן
טרינקען בראָנפֿן, טרינקען ווײַן!

ניט קיין מאָרגן, ניט קיין הײַנט —
ניט קיין חבֿר, ניט קיין פֿרײַנט.

האָב איך מיר אַ גאַנצן טאָלער —
וועל איך זײַן דער גאַנצער צאָלער.

האָב איך ניט קיין ווײַב און קינד —
בין איך פֿרײַ ווי דער ווינט.

לאָמיר ניט זײַן ווי די אַלטע באַבעס —
לאָמיר מאַכן פֿון מיטוואָך שבת!

**ENGLISH TRANSLATION**

*from Mir Trogn A Gezang: Favorite Yiddish Songs, Eleanor Gordon Mlotek*

All I have is an old dime, which isn't even mine. But let's throw our cares away. Let's be gay and have a drink without worrying about today or tomorrow, about friends or relatives. If I find a dollar, the treat will be on me. Let's not be gloomy like old wives — let's turn our weekdays into joyful Sabbath days.

# וואָס געווען איז געווען און ניטאָ

## *Vos geven iz geven un nito* | What Was, Was and Is No Longer

Words and Music by David Meyerowitz

**TRANSLITERATION**

Derloybt, lozt zikh dinen,
Oysredn mayn harts.
Tsi red ikh fun zinen,
Tsi red ikh fun shmarts,
Ikh layd fun a krankayt
Vos heyst nit keyn krenk.
Men ruft es on elter,
Es nogt un es benkt:

Vos geven iz geven un nito.
Shoyn avek yene yor, yene sho.
Vi shnel farflit der yunger glik
Un men ken es nit khapn mer tsurik
Vayl vos geven iz geven un nito.
Di kreftn vern shvakh,
Di hor vert gro.
Men neyt zikh, men kleydt zikh,
Men makht zikh sheyn; men nart ober keynem
Nor zikh aleyn
Vayl vos geven iz geven un nito.

Ven ikh gey umgern a mol farbay a skul,
Gis ikh mit trern
Un trakht fun amol:
Vi der yungitshker moyekhl
Zayn glik nit farshteyt,
Un kumt men tsum seykhl,
Iz dan shoyn tsu shpet.

Vos geven iz geven un nito.
Shoyn avek yene yor, yene sho.
Vi shnel farflit der yunger glik
Un men ken es nit khapn mer tsurik
Vayl vos geven iz geven un nito.
Di kreftn vern shvakh,
Di hor vert gro.
Men neyt zikh, men kleydt zikh,
Men makht zikh sheyn; men nart ober keynem
Nor zikh aleyn
Vayl vos geven iz geven un nito.

**ORIGINAL YIDDISH**

דערלויבט, לאָזט זיך דינען,
אויסרעדן מײַן האַרץ.
צי רעד איך פֿון זינען,
צי רעד איך פֿון שמאַרץ,
איך לײַד פֿון אַ קראַנקייט
וואָס הייסט ניט קיין קרענק.
מען רופֿט עס אָן עלטער,
עס נאָגט און עס בענקט:

וואָס געווען איז געווען און ניטאָ.
שוין אַוועק יענע יאָר, יענע שעה.
ווי שנעל פֿאַרפֿליט דער יונגער גליק
און מען קען עס ניט כאַפּן מער צוריק
ווײַל וואָס געווען איז געווען און ניטאָ.
די קרעפֿטן ווערן שוואַך,
די האָר ווערט גראָ.
מען נייט זיך, מען קליידט זיך,
מען מאַכט זיך שיין; מען נאַרט אָבער קיינעם
נאָר זיך אַליין
ווײַל וואָס געווען איז געווען און ניטאָ.

ווען איך גיי אומגערן אַ מאָל פֿאַרבײַ אַ סקול,
גיס איך מיט טרערן
און טראַכט פֿון אַמאָל:
ווי דער יונגיטשקער מוחל
זײַן גליק ניט פֿאַרשטייט,
און קומט מען צום שׂכל,
איז דאַן שוין צו שפּעט.

וואָס געווען איז געווען און ניטאָ.
שוין אַוועק יענע יאָר, יענע שעה.
ווי שנעל פֿאַרפֿליט דער יונגער גליק
און מען קען עס ניט כאַפּן מער צוריק
ווײַל וואָס געווען איז געווען און ניטאָ.
די קרעפֿטן ווערן שוואַך,
די האָר ווערט גראָ.
מען נייט זיך, מען קליידט זיך,
מען מאַכט זיך שיין; מען נאַרט אָבער קיינעם
נאָר זיך אַליין
ווײַל וואָס געווען איז געווען און ניטאָ.

*Continued on next page*

## ENGLISH TRANSLATION

*from the Milken Archive*

Permit me
to unburden my heart.
Whether I talk sense
or whether I speak from pain,
I suffer from a disease,
which is not called an illness.
They call it old age.
It gnaws and it yearns.

For what was, was, and is no more.
Those years, that hour has already passed.
How quickly youthful joy flies away
and cannot be recaptured.
For what was, was, and is no more...
One's faculties become weak,
one's hair turns gray...
One can mend oneself, dress up,
make oneself pretty;
but one fools no one but oneself,
for what was, was, and is no more...

When I chance to pass by a school,
I shed tears
and think of yesteryear:
How the young little mind
Doesn't understand its happiness,
and when one comes to one's senses,
it is already too late.

For what was, was, and is no more.
Those years, that hour has already passed.
How quickly youthful joy flies away
and cannot be recaptured.
For what was, was, and is no more...
One's faculties become weak,
one's hair turns gray...
One can mend oneself, dress up,
make oneself pretty;
but one fools no one but oneself,
for what was, was, and is no more...

# איך וויל ניט גיין אין חדר

## *Ikh vil nit geyn in kheyder* | I Don't Want to Go to *Kheyder*

Words by Sholem Aleichem — Music by J. Cherniawsky

**TRANSLITERATION**

Shlekhte kumen un farbaytn
Shtendik libe, gute tsaytn;
Nokhn zumer shteyt shoyn hintn
Bald der osyen mit di vintn.

Kh'vil nit geyn in kheyder
Vayl der rebe shmayst keseyder —
Kh'vil nit geyn in kheyder
Un der kantshik dresht di beyner,
Lernen ober vil nit keyner —
Kh'vil nit geyn in kheyder.

Un er shteyt shoyn do nit vayt,
Der bahelfer bay der zayt
Mit a shtekn, a lamtern —
Ayngezunken zol er vern!

Kh'vil nit geyn in kheyder
Vayl der rebe shmayst keseyder —
Kh'vil nit geyn in kheyder
Un der kantshik dresht di beyner,
Lernen ober vil nit keyner —
Kh'vil nit geyn in kheyder.

S'tsit ahin tsu afn ayz,
S'ayz iz glat, der shney iz vays!
Vilt zikh glitshn, a katoves!
Un er dult undz mit "fir oves."

Kh'vil nit geyn in kheyder.
Vayl der rebe shmayst keseyder —
Kh'vil nit geyn in kheyder.
Un der kantshik dresht di beyner,
Lernen ober vil nit keyner —
Kh'vil nit geyn in kheyder.

**ORIGINAL YIDDISH**

שלעכטע קומען און פֿאַרבײַטן
שטענדיק ליבע, גוטע צײַטן;
נאָכן זומער שטייט שוין הינטן
באַלד דער אָסיען מיט די ווינטן.

כ׳וויל ניט גיין אין חדר
ווײַל דער רבי שמײַסט כּסדר —
כ׳וויל ניט גיין אין חדר.
און דער קאַנטשיק דרעשט די ביינער,
לערנען אָבער וויל ניט קיינער —
כ׳וויל ניט גיין אין חדר.

און ער שטייט שוין דאָ ניט ווײַט,
דער באַהעלפֿער בײַ דער זײַט
מיט אַ שטעקן, אַ לאַמטערן —
אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן!

כ׳וויל ניט גיין אין חדר
ווײַל דער רבי שמײַסט כּסדר —
כ׳וויל ניט גיין אין חדר.
און דער קאַנטשיק דרעשט די ביינער,
לערנען אָבער וויל ניט קיינער —
כ׳וויל ניט גיין אין חדר.

ס׳ציט אַהין צו אויפֿן אײַז,
ס׳אײַז איז גלאַט, דער שניי איז ווײַס!
ווילט זיך גליטשן, אַ קאַטאָוועס!
און ער דולט אונדז מיט „פֿיר אָבֿות״.

כ׳וויל ניט גיין אין חדר,
ווײַל דער רבי שמײַסט כּסדר —
כ׳וויל ניט גיין אין חדר.
און דער קאַנטשיק דרעשט די ביינער,
לערנען אָבער וויל ניט קיינער —
כ׳וויל ניט גיין אין חדר.

**ENGLISH TRANSLATION**

*from Mir Trogn A Gezang: Favorite Yiddish Songs by Eleanor Gordon Mlotek*

Summer is over and soon autumn with its gusty winds will be here. I don't want to go to *kheyder* because the teacher always whips us and the beating hurts my bones. No one wants to study, anyhow. Our thoughts are on the smooth ice and the white snow; we want to skate and have fun, but the *kheyder* teacher bothers us with the "Ethics of the Fathers."

# Coney Island Days

### Words from an interview with Irene Weiser, adapted by Alex Weiser

### Music by Alex Weiser

## 1. CONEY ISLAND

I was very young. We used to go to the beach ourselves. We ran in the water. We came out. We were there all day. There was no limit. We were there without an adult. The adult was Morty, and he didn't pay any attention. I'd go out with Bea, we went to Nathan's. They used to give us fifteen cents or a dime to go on the boardwalk, and get something... custard and a ride. I used to go with Marlene, nine times out of ten she dropped her's on the boardwalk, so I had to share my fifteen cents with her. I had good times. All my family was loving to me.

## 2. PENNIES

My mother, she had a pot, a commercial pot, and she filled it with pennies, so Bea and I, you know, Bea was a little bit of a devil, I was younger, I only followed whatever she did, so, we bought candies, we went to the movies with that money... Years later I was fully grown, I said, I knew we were doing wrong, that's stealing. But if I asked my mother she'd say you could have it, but we didn't ask, we just took. But, you know, Morty was a goody-goody. My brother was an angel. I found out he did it too. I was so shocked, because he was so good, you know? I thought we were very bad.

## 3. KNISH STORE

We had a knish store. We waited on customers. My uncle Joe stood by the oil. When we came over to get the knishes, he said in Jewish, *avek! Avek!* He was so nervous that I'd get hurt. We had a room in the back of the store. They had one bathroom. Just a toilet. Maybe a sink, no bathtub. All of us slept in one room, except Morty. There was a hotel attached to the store, for Morty they gave him a tiny room, but for us we all slept in one room.

## 4. RUSSIAN BATH

You know in Coney Island they had Russian baths. I used to go with my mother to the bath. You know the women would be naked. I was a little child, and when I'd see their bodies I thought it was very funny. My mother had no shame. I always saw her. I went with her.

## 5. MOTHER

My mother never knew her age. She never celebrated her birthday. She always went to school to speak better English. When she died, she had leukemia, she was still going to school. She was heavy. She used to buy a corset. When she went to get measured, I went with her. My mother used to take me all over. I was like her pet. My mother, she was a saint. She was wonderful.

## 6. AUNT FANNY

Wherever we lived, Fanny had to have an apartment in the same building. Her and my mother, they didn't go out without each other. And me. I used to go with them all the time. She liked the mountains, she didn't like Coney Island. She used to take me every time she went. She stayed in a hotel sometimes, they called it a *kokhaleyn*, where you cook yourself. And when she saw me she used to jump up and down, she loved me so much. I loved her. My mother was a little jealous. But you know I loved my mother. Nobody could love their mother more than I loved her.

## 7. ELLIS ISLAND

You know, Bea and I paid. My mother and father, I had their names put down — a record of their names in Ellis Island. We had to pay for that. Yea, Bea and I did it. We did it for them both. And then all my life I said, why can't I do it for Fanny? She would have loved it. But I felt her children should do it, and I didn't do it for her. But I'm sorry I didn't.

# ABOUT THE PERFORMERS

**ELIZA BAGG** is a Los Angeles-based experimental musician, working primarily as a vocalist in the field of contemporary classical music along with producing her own work. She has collaborated across genres with prominent experimental artists ranging from performing in Meredith Monk's opera *Atlas* with the Los Angeles Philharmonic to touring regularly as a member of Roomful of Teeth, playing the role of Ape in Michael Gordon's *Acquanetta*, singing chamber motets by John Zorn, or working collaboratively with Ted Hearne on his theatrical song cycle *Dorothea*. Her singing has been called "ethereal" by *The New York Times* and "gossamer" by *The New Yorker*. Bagg has performed as a soloist in new music projects with major symphonies including the Chicago Symphony, the New York Philharmonic, the Los Angeles Philharmonic, the North Carolina Symphony, and the San Francisco Symphony, and has performed at venues around the world from Walt Disney Hall and Carnegie Hall to the Kitchen and Iceland Airwaves. Bagg's sweeping, ethereal avant-pop project, Lisel, is grounded in her extensive career as a vocalist of Renaissance, Baroque and minimalist/post-minimalist singing styles. Bagg has received particular recognition for her use of extended vocal techniques and unique vocal sound, which *Pitchfork* compared to "a lovelorn alien reaching out from the farthest reaches of the galaxy."

**PAUL KEREKES** is a composer/pianist from Long Island, NY, who often confronts and blurs the space between composition and performance. As co-founding member of Grand Band – a piano sextet described by the *New York Times* as a "new-music supergroup" – and Invisible Anatomy – an "otherworldly and uncanny" (*Village Voice*) composer-performer ensemble/collective that's "shedding labels" (*Yale Alumni Magazine*) – most of his projects engage and unify these sometimes-disparate worlds. Paul has also had the privilege of hearing his music performed by many outstanding ensembles, including the American Composers Orchestra, Da Capo Chamber Players, New Morse Code, guitarist Trevor Babb, Thin Edge New Music Collective, Real Loud, andPlay, and Exceptet in such venues as Merkin Hall, (le) poisson rouge, The DiMenna Center, Roulette, Spectrum, and Symphony Space. His compositions and playing have been featured on NPR's *Performance Today*, WQXR's Q2 series, and released on major recording labels such as New Amsterdam Records, Innova, New Focus, and Naxos. He is a recipient of the Morton Gould Young Composer Award from ASCAP, the JFund Award from the American Composer's Forum, and the Walter Hinrichsen Award from the Academy of Arts and Letters. Paul has also been on the music faculty at Sarah Lawrence College since 2015.

TENEMENT MUSEUM

We tell the stories of working-class tenement residents who moved to New York City from other countries and other parts of the country. Their work helped build the city and nation, and their stories help us understand our history. While textbooks often overlook the stories of ordinary people, our tours immerse visitors in the tenement hallways, kitchens and parlors where families carved out new lives. We share primary sources and research that help us explore the stories of tenement families. Public programs, curricula and our Your Story Our Story website continue the conversation, using our stories as points of departure to connect the past to present.

We aim to build an inclusive and expansive American identity and believe that the exploration of our complex history—one with moments of both inclusion and exclusion—helps prepare us to recognize and discuss today's complex issues with empathy and nuance.

**tenement.org**

YIVO Institute for Jewish Research

The YIVO Institute for Jewish Research is dedicated to the preservation and study of the history and culture of East European Jewry worldwide. For nearly a century, YIVO has pioneered new forms of Jewish scholarship, research, education, and cultural expression. Our public programs and exhibitions, as well as online and on-site courses, extend our global outreach and enable us to share our vast resources. The YIVO Archives contains more than 24 million original items and YIVO's Library has over 400,000 volumes—the single largest resource for such study in the world.

**yivo.org**